**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/8/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט 82 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק סטעיט קונסטלער, קונסטווערק און קולטור ארגאניזאציעס**

***אנווייזונגען פאר ערשטע רונדע פון פיסקאלע יאר 2025 קאונסיל פאר קונסטווערק גרענטס יעצט אוועילעבל [דא](); אפליקאציעס עפענען זיך יוני 5 און מוזן ווערן אריינגעגעבן ביז יולי 17***

***נאך NYSCA קאפיטאל געלטער געלעגנהייט וועט זיך עפענען אין הערבסט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די פיסקאלע יאר 2025 געלעגנהייט אנווייזונגען פאר 82 מיליאן דאלאר אין ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק גרענטס ווערן יעצט אוועילעבל פאר נאן-פראפיט קונסטווערק און קולטור ארגאניזאציעס און איינציגע קונסטלער איבער ניו יארק סטעיט. אריינגערעכנט אין די גרענט געלעגנהייט איז די וויכטיגסטע ריסארס וואס פעלט אויס פאר ניו יארק'ס שטארקע קונסטווערק און קולטור באפעלקערונג - אלגעמיינע ארבעטס שטיצע - וואס שטעלט צו געלטער פאר טעגליכע אקטיוויטעטן פאר הונדערטער ארגאניזאציעס איבער די סטעיט. די געלעגנהייטן געבן אויף שטיצע פאר איינציגע קונסטלער, ביליגערע פלאץ פאר פרואוון, געלט זיך צו לערנען פאלק קונסטווערק און שפילער קונסטווערק רעזידענצן. אפליקאציע אנווייזונגען זענען יעצט אוועילעבל אויף [arts.ny.gov]().

"ניו יארק'ס פארגעשריטענע קונסטווערק און קולטור באפעלקערונג איז א הויפט באשטאנדטייל פון אונזער סטעיט, וואס טרייבט ארויף אונזער בליענדע טוריסם אינדוסטרי, לעבט אויף אונזערע קאמיוניטיס, און װארעמט אן סטודענטן איבער די גאנצע סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קריטישע געלטער געלעגנהייטן וועט ערלויבן פאר קונסטלער און קולטוראלע ארגאניזאציעס צו ווייטער צושטעלן די וואונדערבארע בענעפיטן פאר ניו יארקער און אונזערע באזוכער."

א וועבינאר צו פארשפרייטן די NYSCA פיסקאלע יאר 2025 געלעגנהייטן וועט פארקומען דינסטאג, מאי 14. וועבינארס איבער די געלעגנהייט וועלן באשטימט ווערן פון דינסטאג, מאי 21 ביז דאנערשטאג, מאי 23 און ווירטואלע אפיס שעות וועלן זיין אפן גאנץ יוני און אנהויב יולי. רעגיסטראציע פאר די וועבינארס און ווי אויך א לעצטיגע סקעדזשול וועט זיין [פארעפנטליכט דא]().

אנווייזונגען פאר די פאלגנדע געלעגנהייטן זענען אוועילעבל צו דאונלאוד'ען אויף די [NYSCA וועבזייטל]():

- **שטיצע פאר ארגאניזאציעס**
  - שטעלט צו בויגזאמע אפעראציע און פראגראם פינאנצירונג פאר קוואליפיצירטע קונסט און קולטור ארגאניזאציעס. גרענט סומעס זענען צווישן $10,000 און $49,500.

- **שטיצע פאר קונסטלער**
  - פינאנצירט שעפערישע קאמישען פאר פריוואטע קונסטלער אריבער די סטעיט. די זאכן פארוואס די קאמישען קען געגעבן ווערן רעכענען אריין טאנץ, פארפאסן מוזיק, פילם, מעדיא און נייע טעכנאלאגיע, פאלק און טראדיציאנאלע קונסטווערק, אויסגעמישטע, ליטעראטור, טעאטער קאמישענס און וויזואלע קונסטווערק. די סומע פון די גרענט איז $10,000.

- **שטיצע פאר געציהלטע געלעגנהייטן**
  - פלעצער פאר פארשטעלונג קונסט חזרות און סטודיאוס: די פינאנצירונג איז געווידמעט צו שטיצן שעפערישע חזרות און ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו פלעצער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר נאַן-פראפיס קונסט גרופעס און קונסטלער. גרענט סומעס זענען צווישן $15,000 און $35,000.
  - פאלק און טראדיציאנאלע קונסטווערק אפרענטיסשיפס: די פינאנצירונג גיבט א געלעגנהייט פאר מענטשן וועלכע האבן ערפארונג און פאלק קונסטווערק צו שטודירן צוזאמען מיט מייסטער פאלק קונסטלער פון זייער אייגענע קאמיוניטי. די סומע פון די גרענט איז $10,000.
  - פארשטעלונג קונסטווערק רעזידענסיס. די געלעגנהייט שטיצט א רעזידענסי פאר א מינימום פון 3 וואכן אין א ציה ביי ניו יארק-באזירטע פארשטעלונג קונסט גרופעס אין א געציהלטע געגנט אין ניו יארק סטעיט אינדרויסן פון דעם אפליקאנט'ס היים קאונטי און אינדרויסן פון ניו יארק סיטי. גרענט סומעס זענען צווישן $15,000 און $35,000.

- **שטיצע פאר רי-גרענטס און סערוויסעס**
  - שטיצט געלטער פאר סטעיט קאמיוניטי ווידער-גרענט ערטער - א נעץ פון ראיאנישע קונסטווערק און קולטור ארגאניזאציעס וועלכע געפונען זיך ארום די סטעיט - וועלכע נוצן זייער לאקאלע וויסנשאפט צו אויסברייטערן די רעזולטאט פון NYSCA'ס גרענטס פאר קונסטלער און נאן-פראפיטס און אזוי אויך געלטער פאר ארגאניזאציעס פאר סערוויסעס אין דעם פעלד. די געלעגנהייט איז בלויז דורך אן איינלאדענונג.

די אפליקאציע פארטעל וועט זיך עפענען אויף מיטוואך, יוני 5, 2024. די דעדליין זיך איינצושרייבן איז מיטוואך, יוני 17, 2024, 4 אזייגער נאכמיטאג. אלע אפליקאנטן מוזן אויספולן די איידער-קוואליפיקאציע פראצעדור דורך די סטעיט-ברייטע פינאנציעלע סיסטעם איידער זיך איינצוגעבן פאר א גרענט. די NYSCA מוטיגט אפליקאנטן צו אנהויבן מיט דעם ערשטיגע באַרעכטיגונג פראצעדור ווי שנעל עס איז נאר מעגליך. געלעגנהייטן פאר קאפיטאל פראיעקט גרענטס וועלן געמאלדן ווערן אין הערבסט.

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון קונסטווערק עקזעקיוטיוו דירעקטארין עריקא מאלין האט געזאגט,** "NYSCA'ס ציל איז צו ברענגען די בענעפיטן פון קונסטווערק און קולטור פאר אלע ניו יארקער. איך מוטיג אונזערע קונסטלער פון איבער די גאנצע סטעיט צו איבערקוקן און זיך איינגעבן פאר די וויכטיגע געלעגנהייטן. מיר ווילן שטיצן אייער גוטע געדאנקען און ערפינדונגען וואס וועלן אונז פירן צו א בעסערע און שטערקערע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק טשעיר קאטערין ניקאלס האט געזאגט,** "א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנאר האקול און די לעגיסלאטור, זענען מיר גליקליך צו פארזעצן די אויסנאמע גאנג פון וויכטיגע געלטער פאר אונזער פעלד מיט אונזער פיסקאלע יאר 2025 געלעגנהייטן, צו שטיצן די קריטישע ארבעט פון קונסטלער און קונסטווערק און קולטור ארגאניזאציעס איבער די גאנצע סטעיט."

**סטעיט סענאטאר דזשאוס סעראנא האט געזאגט,** "מזל טוב צו די NYSCA פאר די היינטיגע געלטער מעלדונג וואס עפנט 82 מיליאן דאלאר אין נייע גרענט שטיצע פאר קונסטלער און ארגאניזאציעס. קונסטווערק און קולטור זענען וויכטיג סיי צו די געפיל און סיי די עקאנאמיע פון דאס וואונדערבארע סטעיט, און איך קוק פאראויס צו דיברייטע ארבעט וואס וועט בליען אין אלע אונזערע קאמיוניטיס מיט די קריטישע געלטער."

**אסעמבלימיטגליד דאנעל א'דאנעל האט געזאגט,** "ניו יארק איז די גלאבאלע שפיץ צענטער פון קונסטווערק און קולטור א דאנק אונזער טאלאנטפולע קונסטלער און לעבהאפטיגע ארגאניזאציעס. דורך די NYSCA'ס געלטער, אינוועסטירן מיר נישט בלויז דירעקט אין די הארץ פון אונזערע קאמיוניטיס, נאר מיר געבן פאר קונסטלער און קולטוראלע גרופעס די כח צו בליען און ווייטער באהייכן אונזער סטעיט'ס קולטוראלע שטאף. איך בין איבערראשט צו זען די נייע געדאנקען וועלכע די געלטער וועלן צוברענגען, און איך מוטיג אלע קונסטלער און קולטוראלע ארגאניזאציעס איבער די סטעיט צו כאפן די געלעגנהייט און ווייטער פארשטערקערן ניו יארק'ס ראלע אלס א פירנדע קולטוראלע מאכט ארום די וועלט."

**איבער די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסט**

די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק איז צו פלעגן און פאראויס שטופן די פולע ספעקטרום פון ניו יארק סטעיט'ס קונסט, קולטור און שעפערישקייט פאר יעדן. כדי צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון די קונסט פעלד אריבער ניו יארק סטעיט, וועט די קאונסיל פאר קונסטווערק פארטיילן 162 מיליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2025, באדינענדיג ארגאניזאציעס און קונסטלער אריבער אלע 10 סטעיט ראיאנען. די קאונסיל פאר קונסטווערק טוט ווייטער פאראויס שטופן ניו יארק'ס שעפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער. געעפנט דורך גאווערנאר נעלסאן ראקעפעלער אין 1960 און יעצט מיט די שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאונסיל אן אגענטור וועלכע איז טייל פון די עקזעקיוטיוו ברענטש פון די רעגירונג. פאר מער אינפארמאציע איבער NYSCA, באזוכט ביטע [www.arts.ny.gov](http://www.arts.ny.gov) און פאַלאָוט NYSCA'ס [Facebook](#) בלאט, אויף X [@NYSCArts](#) און אויף Instagram [@NYSCouncilontheArts](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)